גליון 190
אמור - תשפ"ד



# דעם רבינ'ס מעשיות

לעידוד וחיזוק הלימוד והחזרה
בספה"ק סיפורי מעשיות משנים קדמוניות
שסיפר רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

## דעם רבינ'ס משלים

### וֶוער קֶען אָנְקוּמֶען צוּם גְרוֹיסְן נָגִיד?

**אִין אַ גֶעוִויסֶע שְׁטָאט הָאבְּן גֶעוואוֹינְט צְוֵויי עֲשִׁירִים,** אֵיינֶעם מִיר וֶועלְן אִים רוּפְן **ר' הֶערְשְׁל** - גַאנְץ אַ קְנַאפֶּער עוֹשֶׁר, וִוידֶער דֶער צְוֵוייטֶער עוֹשֶׁר וֶועלְכֶער מִיר רוּפְן אִים **ר' אָשֵׁר,** אַ גְבִיר-אַדִיר, מֶען קֶען נִישְׁט בַּאשְׁרַייבְּן דָאס רַייכְקַייט אוּן פַארְמֶעגְן וָואס עֶר פַארְמָאגְט.

אִין דֶעם זֶעלְבְּן שְׁטָאט הָאט גֶעוואוֹינְט **בָּרוּךְ** וֶועלְכֶער הָאט גֶעדַארְפְט וִויכְטִיג גָאר אַ גְרוֹיסֶע סוּמֶע גֶעלְט, אָבֶּער עֶר קֶען דָאךְ נִישְׁט צוּטְרֶעטְן צוּ **ר' אָשֵׁר** דֶער בַּאוואוּסְטֶער נָגִיד בֶּעטְן דֶעם סְכוּם, מֶען קֶען בִּכְלַל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ אִים, אָבֶּער צוּ **הֶערְשְׁלֶ'ן** דֶעם קְלֵיינֶעם עוֹשֶׁר קֶען עֶר טְרֶעפְן גַאנְץ גְרִינְג, אָבֶּער אַזַא סְכוּם קֶען זִיךְ **הֶערְשְׁל** זִיכֶער נִישְׁט עֶרְלוֹיבְּן אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן זַיין טַאשׁ. טְרַאכְט בָּרוּךְ צוּ זִיךְ, וָואס הָאבּ אִיךְ צוּ גֵיין צוּ **הֶערְשְׁל**, אוּן בֶּעטְן הִילְף, עֶס אִיז אִיבֶּער זַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ שְׁרַייבְּן אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע טְשֶׁעקְס, אָבֶּער אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ יָא בֶּעטְן פוּן אִים, עֶר זָאל גֵיין צוּ **ר' אָשֵׁר** דֶער פִילַאנְטְרָאפּ, עֶר קֶען דָאךְ יָא זִיךְ אַרַיינְבַּאקוּמֶען צוּ אָשֶׁרְ'ן אִין שְׁטוּב גְרִינְגֶערְהֵייט".

**בָּרוּךְ** טְרֶעפְט אֵיין טָאג דֶעם בַּעַל-בַּתִּישְׁ'ן **ר' הֶערְשְׁל** אוּן הֵייבְּט זִיךְ אָן בֶּעטְן בַּיי אִים עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן, אוּן זָאגְט אִים: "**ר' הֶערְשְׁל** אִיךְ דַארְף דַיין הִילְף, אִיךְ דַארְף קְרִיטִישׁ וִויכְטִיג שַׁאפְן אַ רִיזְן סוּמֶע גֶעלְט, אִיךְ וֵוייס אַז דוּ הָאסְט אַ גוּטֶע הַארְץ אוּן ווילְסְט מִיר זִיכֶער הֶעלְפְן, אָבֶּער פוּן צְוֵוייטְן זַייט זֶע אִיךְ נִישְׁט דוּ זָאלְסְט מִיר קֶענֶען גֶעבְּן אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע סוּמֶעס, אָבֶּער וָואס? אֵיין זַאךְ קֶענְסְטוּ יָא טוּן, גֵיי צוּ **ר' אָשֵׁר** אוּן עֶרְוֶועק זַיין רַחֲמָנוּת עֶר זָאל מִיר גֶעבְּן דֶעם סְכוּם, פַאר אִים אִיז עֶס וִוי קְלֵיין גֶעלְט, אִיךְ קֶען דָאךְ נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם **אָשֶׁרְ'ן**, פַאר דִיר אִיז דָאךְ יָא מֶעגְלִיךְ אַרַיינְצוּגֵיין צוּ אִים, אִיז טוּ מִיר דִי גֶענַאד, אוּן בֶּעט פוּן אִים פַאר מַיינֶעט וֶועגְן, אַזוֹי וֶועסְטוּ מִיר אוֹיפְרֶעכְטְן אוּן אִיךְ וֶועל זַיין אַ גֶעהָאלְפֶענֶער".

**גֶענוֹי וִוי מִיר הָאבְּן פַארְצֵיילְט דִי מָשָׁל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פּוּנְקְט אַזוֹי כִּבְיָכוֹל גֶעשֶׁעט וֶוען מִיר בֶּעטְן זִיךְ בַּיים בַּאשֶׁעפֶער פַאר אַ יְשׁוּעָה.** וַוייל עֶס אִיז פַארְהַאן אוֹיבְן כִּבְיָכוֹל צְוֵויי סָארְטְן רַחֲמָנוּת וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן, אֵיינְס וֶוערְט גֶערוּפְן **רַחֲמִים פְּשׁוּטִים** - פְּשׁוּטֶ'ע רַחֲמָנוּת וואוּ מִיר קֶענֶען דָארְט גַאנְץ גְרִינְג מְעוֹרֵר זַיין אוּן זִיךְ בֶּעטְן פַאר אַ יְשׁוּעָה אוּן דָאס צְוֵוייטֶע וֶוערְט גֶערוּפְן **רַחֲמִים גְּדוֹלִים** - גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּת.

מִיר קֶענֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ פַארְלַאנְגֶען אַ יְשׁוּעָה וֶועלְכֶע זָאל גְלַייךְ דֶערְגְרֵייכְן דִי גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּת וָואס פוּן דָארְטְן קֶען מֶען גֶעהָאלְפְן וֶוערְן בִּשְׁלֵמוּת מִיט אַלֶע יְשׁוּעוֹת וָואס מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן, וַוייל אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת קֶענֶען נָאר עֶרְוֶועקְן דִי גֶעוֶוענְלִיכֶע רַחֲמָנוּת **'רַחֲמִים פְּשׁוּטִים'**, וָואס אִיז אַ זֵייעֶר בַּאגְרֶענִיצְטֶע רַחֲמָנוּת וָואס קֶען נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אַלֶעמָאל בְּרֶענְגֶען דִי גַאנְצֶע יְשׁוּעָה.

דֶערִיבֶּער דַארְפְן מִיר בֶּעטְן אוּן מִתְפַּלֵּל זַיין צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז דִי גֶעוֶוענְלִיכֶע רַחֲמָנוּת **'רַחֲמִים פְּשׁוּטִים'** מִיט וָואס מִיר זֶענֶען מְעוֹרֵר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיט אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת, זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר אוּנְז אוּן מְעוֹרֵר זַיין בַּיים בַּאשֶׁעפֶער דִי 'גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּת', וָואס פוּן דָארְט וֶוערְט דָאךְ נִמְשָׁךְ זֵייעֶר גְרוֹיסֶע דֶערְבַּארִימְקַייט אוּן פוּן דָארְט וֶועלְן מִיר זִיכֶער פוֹעֶלְ'ן דִי גַאנְצֶע יְשׁוּעָה. [אַזַא סָארְט תְּפִלָּה פוּן דִי רַחֲמִים פְּשׁוּטִים צוּ דִי **רַחֲמִים גְּדוֹלִים**, אִיז אַ תְּפִלָּה וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיינְס דַאוְונְט, מִיר בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל דָאס טוּן פַאר אוּנְז.]

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פִירְט אוֹיס אַז דִי מָשָׁל אִיז זֵייעֶר וואוּנְדֶערְלִיךְ אוּן פָארְכְטִיג (צוּ מַסְבִּיר זַיין אַבִּיסְל דֶער נִמְשָׁל. מִיר וַוייסְן דָאךְ אַז נִישְׁט אַלֶעמָאל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ רָאוּי צוּ בַּאקוּמֶען וָואס עֶר בֶּעט, אַזוֹי וִוי אַ טַאטֶע וֶועט נִישְׁט אַלֶעמָאל גֶעבְּן פַארְן קִינְד וָואס עֶר בֶּעט פוּן אִים וַוייל עֶס קוּמְט זִיךְ נִישְׁט פַארְן קִינְד דִי זַאךְ וָואס עֶר בֶּעט. אַזוֹי אוֹיךְ הַשי"ת וִויל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיפְן אִיד אָבֶּער עֶס אִיז דָא אַ מִשְׁפָּט אוּן חֶשְׁבּוֹן, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט בַּאקוּמֶען דִי יְשׁוּעָה, אַזוֹי וִוי אַ טַאטֶע גִיבְּט אַמָאל אַ פַּאטְשׁ פַאר אַ קִינְד מִיט רַחֲמָנוּת.

דֶערְפַאר אִיז דֶער רֶבִּי מְגַלֶּה נָאךְ אַ סָארְט תְּפִלָּה וָואס אִיז פַאר אוּנְז גֶעבְּלִיבְּן, צוּ בֶּעטְן בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, נוּץ דַיין גֶעוֶוענְלִיכֶע רַחֲמָנוּת צוּ מְעוֹרֵר דַיין גָאר גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּת, זָאלְסְט מִיר גֶעבְּן דִי גַאנְצֶע יְשׁוּעָה פוּן דִי הוֹיכֶע פְּלַאץ [רַחֲמִים גְּדוֹלִים] נִישְׁט לוֹיט מַיינֶע מַעֲשִׂים, אֲפִילוּ אִיךְ בִּין נִישְׁט רָאוּי דֶערְצוּ!)

(ע"פ לקו"מ ק"ה)



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה י' - פוּן דֶער בֶּערְגִיר מִיטְן אָרִימַאן (10)

**הָאט ווִידֶער דֶער קֵיסָר אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ זִיפְצְן** אוּן צוּ קְרֶעכְצִין. אוּן הָאט גִיזָאגְט. וָואס פַּאר אֵיין שְׁלֶעכְטֶע אוּן אֵיין בִּיטֶערֶע עֶלְטֶער דֶער קֵיסָר הָאט. וָוארִין עֶר הָאט גִיהֶערְט אַז דִי טָאכְטֶער זַיינֶע דִי יְפַת תּוֹאַר אִיז פַארְפַאלִין גִיוָוארִין. **אוּן עֶר אַלֵיין אִיז פַּארְשִׁיקְט גִיוָוארִין** הָאט זִיךְ ווִידֶער דֶער בָּחוּר אָנְגִירוּפִין. **אִיבֶּער זַיין אַכְזָרִיּוֹת** (כְּלוֹמַר אוּם דֶער בַּארִימְקֵייט) **אוּן אִיבֶּער זַיין גַדְלוּת.** הָאט עֶר זִיךְ אוֹיס גִיבְּרַאכְט אוּן זַיין טָאכְטֶער. אוּן אִיךְ בִּין אַהֶער פַארְוָוארְפִין גִיוָוארִין. אַלְץ אִיבֶּער אִים.

**הָאט עֶר אִים ווִידֶער גִיפְרֶעגְט** (דֶער קֵיסָר צוּ דֶעם בָּחוּר) אַז עֶר זָאל דִיר קוּמֶען אִין דֶער הַאנְט אַרַיין. וָואלְסְטוּ זִיךְ אִין אִים נוֹקֵם גִיוֶוען עֶנְפֶערְט עֶר אִים נֵיין. **אִיךְ וָואלְט אִים אַזוֹי מְפַרְנֵס גִיוֶוען** פוּנְקְט אַזוֹי ווִי אִיךְ בִּין דִיךְ מְפַרְנֵס.

**הָאט זִיךְ דֶער קֵיסָר דֶערְקֶענְט צוּ אִים.** אוּן הָאט אִים מוֹדִיעַ גִיוֶוען **אַז עֶר אִיז דָאס אַלֵיין דֶער קֵיסָר.** אוּן וָואס סֶע הָאט זִיךְ מִיט אִים אִיבֶּער גִיטָאן. אִיז דֶער בָּחוּר אוֹיף אִים אַנִידֶער גִיפַאלִין אוּן הָאט אִים גִיקוּשְׁט אוּן גִיהַאלְצְט.

**אוּן זִי** (דְהַיינוּ דִי יְפַת תּוֹאַר וָואס זִי אִיז דָא אוֹיךְ גִיוֶוען. נָאר פַארְשְׁטֶעלְט כַּנַּ"ל) הֶערְט דָאס אַלְץ **ווִי דִי בֵּיידֶע שְׁמוּסִין אֵיינֶער מִיט דֶעם אַנְדֶערִין.**

**אוּן דֶער בָּחוּר** אִיז זַיין סֵדֶר גִיוֶוען. עֶר פְלֶעגְט אַלֶע טָאג גֵיין. אוּן הָאט זִיךְ אֵיין סִימָן גִימַאכְט **אִין דְרַיי בֵּיימֶער.** אוּן הָאט דָארְט גִיזוּכְט **דָאס כְּתַב.** וָוארִין סֶע אִיז דָארְט גִיוֶוען אַלְפֵי אֲלָפִים בֵּיימֶער.

**פְלֶעגְט עֶר זִיךְ מַאכִין אֵיין סִימָן** אִין דְרַיי בֵּיימֶער. וָואס עֶר הָאט גִיזוּכְט. כְּדֵי עֶר זָאל שׁוֹין מָארְגִין נִיט בַּאדַארְפִין זוּכִין אִין דִי דְרַיי בֵּיימֶער. אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר טָאן אַלֶע טָאג. טָאמֶער פָארְט וֶועט עֶר גִיפִינֶען דָאס כְּתַב. (דְהַיינוּ דָאס כְּתַב וָואס זִי הָאט אִים גִישִׁיקְט וָואס סֶע אִיז בַּיי אִים פַארְפַלִין גִיוָוארִין צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער כַּנַּ"ל)

**אוּן אַז עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אוּמְקֶערִין** פוּן דָארְט פְלֶעגְט עֶר קוּמֶען מִיט **פַארְוֵויינְטֶע אוֹיגְן.** וָוארִין עֶר פְלֶעגְט וֵויינֶען. אַז עֶר הָאט גִיזוּכְט אוּן הָאט נִישְׁט גִיקֶענְט גִיפִינֶען. הָאבִּין זֵיי אִים גִיפְרֶעגְט (דְהַיינוּ דֶער קֵיסָר מִיט דֶער יְפַת תּוֹאַר) **וָואס זוּכְסְטוּ** צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער. אוּן דֶערְנָאךְ קוּמְסְטוּ צוּרִיק מִיט פַארְוֵויינְטֶע אוֹיגִין.

**הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט** דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. בַּאֲשֶׁר דִי בַּת קֵיסָר (דְהַיינוּ דִי יְפַת תּוֹאַר) הָאט אִים גִישִׁיקְט אַ כְּתַב. הָאט עֶר עֶס בַּאהַאלְטִין אִין אֵיין בּוֹים פוּן דִי בֵּיימֶער אִיז גִיקוּמֶען אֵיין שְׁטוּרֶעם ווִינְט וְכוּ' כַּנַּ"ל **הַיינְט** זוּכְט עֶר טָאמֶער וֶועט עֶר עֶס גִיפִינֶען.

**הָאבִּין זֵיי צוּ אִים גִיזָאגְט.** מָארְגִין אַז דוּ וֶועסְט גֵיין זוּכִין וֶועלִין מִיר מִיט דִיר אוֹיךְ גֵיין. **טָאמֶער וֶועלִין מִיר גִיפִינֶען דָאס כְּתַב.** אִיז אַזוֹי גִיוֶוען. **זֶענֶען זֵיי מִיט אִים אוֹיךְ גִיגַאנְגֶען.**

**הָאט דִי בַּת קֵיסָר** גִיפוּנֶען דָאס כְּתַב אִין אֵיין בּוֹים. אוּן זִי הָאט עֶס אוֹיף גִיעֶפִינְט. הָאט זִי גִיזֶעהְן. אַז דָאס אִיז אִיר **אֵייגִין כְּתַב פוּן אִיר הַאנְט.**

**הָאט זִי זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען.** אַז זִי וֶועט אִים תֵּיכֶף אוֹיס זָאגִין. אַז זִי אִיז דָאס אַלֵיין. אַז זִי וֶועט זִיךְ ווִידֶער אוֹיסְטָאן דִי קְלֵיידֶער. אוּן וֶועט זִיךְ ווִידֶער אוּמְקֶערִין צוּ אִיר שֵׁיינְקֵייט. אוּן זִי וֶועט ווִידֶער זַיין אַ יְפַת תּוֹאַר אַזוֹי ווִי פְרִיר. קָאן עֶר זִיךְ אַנִידֶער פַאלְן אוּן אוֹיס גֵיין. אוּן זִי ווִיל סֶע זָאל זַיין בְּכַשְׁרוּת כְּדַת (כְּלוֹמַר נֶעמֶען קָאן זִי אִים דָא נִיט אִין דֶער מִדְבָּר וָוארִין זִי בַּאדַארְף מִיט אִים חַתּוּנָה הָאבִּין אַזוֹי ווִי סֶע קֶער צוּ זַיין)

**אִיז זִי גִיגַאנְגֶען.** אוּן הָאט אִים אוּמְגִיקֶערְט **דָאס כְּתַב** אוּן זִי הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט אַז זִי הָאט גִיפוּנֶען דָאס כְּתַב. (כְּלוֹמַר דָאס הָאט זִי אִים נָאךְ נִיט אוֹיס גִיזָאגְט אַז זִי אִיז דָאס אַלֵיין נָאר זִי הָאט אִים סְתָם גִיזָאגְט אַז זִי הָאט דָאס כְּתַב גִיפוּנֶען)

**אִיז עֶר תֵּיכֶף אַנִידֶער גִיפַאלִין אוּן אִיז גִיבְּלִיבְּן חַלָשׁוֹת. הָאבִּין זֵיי אִים דֶערְמִינְטֶערְט.** אִיז צְווִישְׁן זֵיי גִיוֶוען **אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.**

**דֶערְנָאךְ הָאט דֶער בָּחוּר גִיזָאגְט.** וָואס טוֹיג מִיר דָאס כְּתַב ווִי וֶועל אִיךְ זִי שׁוֹין קָאנֶען גִיפִינֶען. זִי אִיז זִיךְ הַיינְט אַ וַודְאִי עֶרְגֶעץ בַּיי עֶפֶּעס אַ מֶלֶךְ. (וָוארִין עֶר הָאט גִימֵיינְט אַז זִי אִיז פַארְקוֹיפְט גִיוָוארִין דוּרְךְ דֶעם רוֹצֵחַ אַזוֹי ווִי דֶער קֵיסֶר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט) נָאךְ וָואס טוֹיג מִיר דָאס. **אִיךְ וֶועל מִיר דָא אִיבֶּער לֶעבִּין מַיינֶע יָארִין.** אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט אִיר אוּמְגִיקֶערְט דָאס כְּתַב. אוּן הָאט צוּ אִיר גִיזָאגְט נַא דִיר דָאס כְּתַב וֶועסְטוּ גֵיין אוּן וֶועסְט זִי נֶעמֶען. (וָוארִין זִי אִיז זִיךְ גִיוֶוען פַארְשְׁטֶעלְט ווִי אֵיין זָכָר)

**הָאט זִי זִיךְ גִילָאזְט** גֵיין אוּן הָאט אִים גִיבֶּעטִין אַז עֶר זָאל אוֹיךְ מִיט אִיר גֵיין. וָוארִין אִיךְ וֶועל זִי בְּוַודְאַי נֶעמֶען. וֶועט זִיךְ מִיר גוּט זַיין. וֶועל אִיךְ דִיר אוֹיךְ אֵיין חֵלֶק גִיבִּין פוּן מַיין **גוּטְץ** (כְּלוֹמֶר דִי בַּת קֵיסֶר וָואס זִי אִיז גִיוֶוען פַארְשְׁטֶעלְט ווִי אֵיין זָכָר הָאט עֶס אַזוֹי גִיזָאגְט צוּ דֶעם בָּחוּר)

**אוּן דֶער בָּחוּר הָאט גִיזֶעהְן** אַז דֶער אִיז אַ חָכָם אוּן עֶר וֶועט זִי בְּוַודְאַי נֶעמֶען. אִיז עֶר מְרוּצֶה גִיוָוארִין מִיט אִים צוּ גֵיין. (דְהַיינוּ מִיט דֶער בַּת קֵיסֶר וָואס עֶר הָאט גִימֵיינְט אַז זִי אִיז אֵיין זָכָר) **אוּן דֶער קֵיסֶר אִיז גִיבְּלִיבְּן אַלֵיין.** וָוארִין עֶר הָאט מוֹרָא גִיהַאט זִיךְ אוּם צוּ קֶערִין. אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין.

**הָאט זִי אִים גִיבֶּעטִין.** אַז עֶר זָאל אוֹיךְ גֵיין וָוארִין עֶר וֶועט זִיךְ בְּוַודְאַי נֶעמֶען דִי יְפַת תּוֹאַר. הָאסְטוּ זִיךְ שׁוֹין קֵיין מוֹרָא נִיט צוּ הָאבִּין (כְּלוֹמֶר זִי הָאט אִים גִיזָאגְט אִיךְ וֶועל זִיךְ בְּוַודְאַי אָפְּזוּכְן דִי יְפַת תּוֹאַר הָאסְטוּ שׁוֹין קֵיין מוֹרָא נִיט צוּ הָאבִּין. וָוארִין דָאס מַזְל וֶועט זִיךְ אוּמְקֶערִין אַז מֶען וֶועט זִי גִיפִינֶען) **אוּן מֶען וֶועט דִיךְ אוֹיךְ הֵייסִין אוּם קֶערִין. זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען** דִי אַלֶע דְרַיי אִין **אֵיינֶעם.** אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִידוּנְגֶען אַ שִׁיף אוּן זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ דֶער מְדִינָה. וואוּ דִי קֵיסֶרְ'טִי זִיצְט. אוּן זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ דֶער שְׁטָאט וואוּ זִי זִיצְט דָארְטִין. **אוּן זֵיי הָאבִּין אַנִידֶער גִישְׁטֶעלְט דִי שִׁיף** הָאט זִיךְ דִי בַּת קֵיסֶר מְיַישֵׁב גִיוֶוען. אַז זִי וֶועט תֵּיכֶּף אוֹיס זָאגִין דֶער מוּטֶער. אַז זִי אִיז גִיקוּמֶען. קָאן זִי אוֹיסְגֵיין. אִיז זִי גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט גִישִׁיקְט צוּ דֶער מוּטֶער. בַּאֲשֶׁר סֶע גִיפִינְט זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ. וָואס עֶר הָאט אֵיין יְדִיעָה פוּן אִיר טָאכְטֶער.

**דֶערְנָאךְ אִיז זִי אַלֵיין גִיגַאנְגֶען** צוּ דֶער קֵיסֶרְ'טִי אוּן הָאט אִיר דֶערְצֵיילְט. וָואס סֶע הָאט זִיךְ אִיבֶּער **גֶעטָאן מִיט אִיר טָאכְטֶער.** אוּן הָאט אִיר דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. אוּן צוּם סוֹף הָאט זִי אִיר גִיזָאגְט (מִיט דֶעם לָשׁוֹן).

**אוּן זִי** (דְהַיינוּ דִי טָאכְטֶער) **אִיז אוֹיךְ דָא.** דֶערְנָאךְ הָאט זִי אִיר גִיזָאגְט דֶעם אֶמֶת. **אִיךְ בִּין דָאס אַלֵיין.** אוּן זִי הָאט אִיר מוֹדִיעַ גִיוֶוען. **אַז אִיר חָתָן דְהַיינוּ דֶעם בֶּערְגֶערְס זוּן אִיז אוֹיךְ דָא.**

**נָאר זִי הָאט גִיזָאגְט צוּ דֶער מוּטֶער. אַז זִי וִויל אַנְדֶערְשׁ נִיט. נָאר אַז מֶען זָאל אוּמְקֶערִין קְרִיק אִיר פָּאטֶער דֶעם קֵיסֶר אוֹיף זַיין אָרְט. אוּן דִי מוּטֶער הָאט דָאס גָאר נִיט גִיוָואלְט. וָוארִין זִי אִיז אוֹיף אִים זֵייעֶר בְּרוֹגֶז גִיוֶוען. וַוייל אִיבֶּער אִים אִיז דָאס אַלְץ גִיוֶוען נָאר זִי הָאט גִימוּזְט צוּלִיבּ טָאן דָאס אִיר טָאכְטֶער.**

**הָאט מֶען גִיוָואלְט אִים אוּמְקֶערִין** (דְהַיינוּ דֶעם קֵיסֶר) הָאט מֶען גִיזוּכְט דֶעם קֵיסֶר. אוּן עֶר אִיז גָאר נִיט דָא. הָאט אִיר דִי טָאכְטֶער אוֹיס גִיזָאגְט **אַז דֶער קֵיסֶר אִיז אוֹיךְ דָא מִיט זֵיי.**

**אִיז גִיוֶוען דִי חַתּוּנָה. אוּן דִי שִׂמְחָה אִיז אִין גַאנְצִין.**

**אוּן דִי מְלוּכָה** אוּן דָאס קֵיסָרִית הָאבִּין זֵיי אָפְּגִינוּמֶען. דְהַיינוּ דֶעם בֶּערְגֶערְס זוּן מִיט דֶער יְפַת תּוֹאַר וָואס זֵיי הָאבִּין חַתּוּנָה גִיהַאט. **אוּן זֵיי הָאבִּין מוֹלֵךְ בְּכִיפָּה גִיוֶוען. דְהַיינוּ זֵיי הָאבְּן גִיקִינִיגְט אִיבֶּער גָאר דֶער וֶועלְט. אָמֵן וְאָמֵן.**

**דֶערְנָאךְ הָאט אוֹיךְ דֶער אַלְטֶער קֵיסֶר קֵיין גְדוּלָה נִיט גִיהַאט וָוארִין סֶע אִיז אַלְץ אִיבֶּער אִים גִיוֶוען:**

**דֶער בֶּערְגֶער הָאט גִיהַאט גְרוֹיס גְדוּלָה עֶר אִיז דֶעם קֵיסֶרְ'ס פָּאטֶער וָואס עֶר אִיז דֶער עִיקָר:**

**דֶעם מַאטְרָאס הָאט מֶען אָן גִיפַּאטְשְׁט אָן גִיפַּאטְשְׁט אוּן מֶען הָאט אִים אַרוֹיס גִישְׁטוּפְּט.**

בַּיי לוֹט שְׁטֵייט הָהָרָה הִמָּלֵט דָאס אִיז אַ בֶּערְגִיר. אוּן פוּן אִים קוּמְט אַרוֹיס מָשִׁיחַ: יוּדִין הָאבִּין אִין מִצְרַיִם גִיהַאט סִימָנִים וֶוער דֶער גוֹאֵל וֶועט זַיין וְכוּ' אוּן אוֹיף דֶעם גוֹאֵל וָואס סֶע וֶועט קוּמֶען אִיז בְּוַודַאי אוֹיךְ דָא סִימָנִים.

**מָשִׁיחַ וֶועט זָאגִין אִיטְלִיכְן יוּדִין וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ אִיבֶּער גִיטָאן אִיטְלִיכְן טָאג:**

תָּמָר הָאט אוֹיךְ פַארְלוֹירִין דִי סִימָנִים. אַזוֹי ווִי אִין מֶדְרָשׁ שְׁטֵייט. אוּן אַז מֶען הָאט זִי גִיוָואלְט פַארְבְּרֶענֶען אִיז גִיקוּמֶען דֶער ס"מ אוּן הָאט פוּן אִיר דֶערְוַוייטֶערְט דִי סִימָנִים. אוּן דֶער מַלְאַךְ גַבְרִיאֵל אִיז גִיקוּמֶען אוּן הָאט זֵיי צוּ אִיר אָפּ גִיבְּרַאכְט. אַזוֹי ווִי אִין מֶדְרָשׁ שְׁטֵייט אוּן פוּן אִיר קוּמְט אַרוֹיס מָשִׁיחַ. בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

**דָאס הָאט אַלְץ דֶער רֶבִּי זַ"ל גִשְׁמוּסְט נָאךְ דֶער מַעֲשֶׂה** כְּדֵי מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען עֶפֶּעס שְׁטוֹיסִין ווִי וַוייט דִי מַעֲשֶׂה דֶערְלַאנְגְט. אַז וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ ווִיסִין דֶעם סוֹד פוּן דִי מַעֲשִׂיוֹת אַפִילוּ אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**דָאס וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶער מַעֲשֶׂה ווִי אִיטְלִיכֶער קוּמְט מִיט זַיין שִׁיר.** אוּן אַ טֵייל עֶנְפֶּערְט מֶען דוּרְךְ אֵיין שְׁלִיחַ וְכוּ' כַּנַּ"ל. אַזוֹי אִיז פַאר הַאנְדִין כַּמָּה גְרוֹיסֶע לַייט. וָואס אִטְלִיכֶער טוּט וָואס עֶר טוּט. אוּן אִיטְלִיכֶער פָּארִיט זִיךְ אוּן ווִיל דֶערְלַאנְגֶען **דֶעם רֶעכְטְן תַּכְלִית.** אוּן קֵיינֶער אִיז נִיט זוֹכֶה צוּם רֶעכְטֶען תַּכְלִית צוּם אֶמֶת. נָאר דֶער וָואס עֶר אִיז רָאוּי דֶערְצוּ. אוּן אַ טֵייל עֶנְפֶּערְט מֶען דוּרְךְ אֵיין שְׁלִיחַ. אָדֶער פוּן אוּנְטֶער דֶער וַואנְט. אָדֶער מֶען וַוייזְט זֵיי אַרוֹיס דָאס פָּנִים וְכוּ' אַזוֹי ווִי אִין דֶער מַעֲשֶׂה שְׁטֵייט. נָאר צוּם סוֹף אַז זֵיי גֵייעֶן אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט. עֶנְפֶּערְט מֶען זֵיי. אַז זֵיי הָאבִּין נָאךְ גָאר נִיט גִיטָאן.

אַזוֹי ווִי אִין דֶער מַעֲשֶׂה שְׁטֵייט ווִי דִי יְפַת תּוֹאַר הָאט צוּם סוֹף זֵיי גִיעֶנְפֶּערְט דִי וַואסֶערִין זֶענֶען אָבֶּער אִיבֶּער דִיר נָאךְ נִיט אַרִיבֶּער גִיגַאנְגֶען. **בִּיז סֶע וֶועט קוּמֶען דֶער רֶעכְטֶער מַנְהִיג בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.** דָאס הָאט אוֹיךְ דֶער רֶבִּי זַ"ל גִישְׁמוּסְט.

נאמען: ______________

# לאמיר זיין פארהערן



## די צענטע מעשה - דער בערגיר מיטן אריטאן (10)

**א. ווער האט זיך דער ערשטער אנטפלעקט (באוויזן) ווער ער איז?**

- ❑ דער קיסר
- ❑ דער זוהן פון בערגיר
- ❑ די טאכטער פון קיסר

**ב. ווער האט זיך דער צווייטער אנטפלעקט (באוויזן) ווער ער איז?**

- ❑ דער קיסר
- ❑ דער זוהן פון בערגיר
- ❑ די טאכטער פון קיסר

**ג. וואס האט דער זוהן פון בערגיר געטון ווען ער האט נישט געטראפן די כתב?**

- ❑ געווארן בעצבות
- ❑ געוויינט
- ❑ זיך געשטארקט

**ד. ווער האט געטראפן די כתב?**

- ❑ דער קיסר
- ❑ דער זוהן פון בערגיר
- ❑ די טאכטער פון קיסר

**ה. וואס איז געשען מיט דער זוהן פון בערגיר ווען מ'האט געטראפן די כתב?**

- ❑ ער איז געפאלן חלשות
- ❑ ער האט זיך זייער געפריידט
- ❑ ער האט געוויינט פון איבער גענומענקייט

**ו. וואס האט דער זוהן פון בערגיר געטון מיט די כתב וואס מ'האט געטראפן?**

- ❑ ער האט עס געגעבן פארן קיסר
- ❑ ער האט עס געהאלטן פאר זיך
- ❑ ער האט עס געגעבן פאר די טאכטער פון קיסר

**ז. צו וועלכע מדינה זענען זיי אנגעקומען?**

- ❑ צו די מדינה וואס דער בערגיר איז דארטן
- ❑ צו די מדינה וואס די קיסרית זיצט דארטן
- ❑ צו די מדינה וואס דער רוצח איז דארטן

**ח. וואס האט די טאכטער פון קיסר געשיקט זאגן פאר איר מאמע?**

- ❑ אז מ'האט געטראפן איר טאכטער
- ❑ אז עס איז דא א מענטש וואס האט איין ידיעה פון איר טאכטער
- ❑ אז עס איז דא א איינער וואס ווייסט וואו די טאכטער איז

**ט. ווער האט געהאט גרויס גדולה נאכדעם?**

- ❑ דער קיסר
- ❑ די טאכטער פון קיסר
- ❑ דער בערגיר

**י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**

- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



## טיפער געטראכט

**צום סוף: וואס האט דער אלטער קיסר נישט געהאט - און פארוואס? און וואס האט דער בערגיר געהאט ?**

**ווער איז צום סוף געווען דער קיסר ?**

## תשובות אויף די פריערדיגע וואך

**ווער פון די דריי** (דער קיסר, דער זון פונעם בערגיר, די בת קיסר) **זענען געקומען צום מדבר וועגן א רוצח?**

**די בת קיסר, און דער בן הבערגיר:** (פַּארְוָואס אִיז עֶר אַ רוֹצֵחַ... אִיבֶּער זַיין אַכְזָרִיוֹת אוּן אִיבֶּער זַיין גַסוּת בִּין אִיךְ אַהֶער גִיקוּמֶען)


דעם רבינ'ס מעשיות

לְהִתְוַדַּע וּלְהִגָּלוֹת אַז אִיטְלֶעכְס וָוארְט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז 'קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים', לוֹטֶער 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה'. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: "אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיוֹת"!

צו ענטפערן בחינות און ארייגגיין אינעם גורל, 02-5333372 צו באקומען דעם גליון אין מייל- m025345040@gmail.com